# לאנגיעריגער אידישער קאנגרעסמאן דזשערי נאדלער ווערט באערט ביי פאליטישע באנקעט דורך אידישע קהלות און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס

מאנהעטען. – פאריגע וואך איז פארגעקומען אן איינדרוקספולע באנקעט פארן אידישער קאנגרעסמאן דזשערי נאדלער, מיט די באטייליגונג פון א גרויסע צאל פערזענליכקייט אין די אידישע פאליטישע וועלט אין ביזנעס מאגנאטען, אויסצודרוקן דאנקבארשאפט פאר דעם קאנגרעסמאן לאנגיעריגע איינפולסרייכע דינסט פאר אידן און פאר זיין דיסטריקט. דער חרדי'שער פילאנטראפ הרבני הנגיד מגדולי בעלי צדקה בונה ומקים עולמו של תורה מוה"ר ר' אהרן נאה ני"ו איז אויסגעקליבן געווארן איבערצוגעבן די אווארד פארן קאנגרעסמאן, און האט געדינט אלס קא-טשעיר פון די באנקעט.

קאנגרעסמאן נאדלער איז היינט גאר מאכטפול אין וואשינגטאן, דינענדיג אלס טשערמאן פון די יורידישע סוב-קאמיטע אויף די קאנסטיטוציע, ציווילע רעכטן און ציווילע פרייהייטן. ער איז אויך דער העכסטער מיטגליד פון די טראנספארטאציע און אינפאסטרוקטור קאמיטע פונעם צפון מזרח ראיאן. די קאמיטע וועט שפילן א וויכטיגע ראלע אין פארטיילן די סטימילוס געלטער פאר אינפאסטרוקטור פראיעקטן.

ביי די באנקעט – אראנזשירט דורכ'ן חרדי'שן כלל-טוער בנש"ק הרב עזרא פרידלענער הי"ו, און זיין פריעדלענדער גרופע – אינעם קאנגרעסמאן'ס עהרע, זענען אנוועזנד געווען א גרויסע צאל פיגורן פון די אידישע געמיינדעס וועלכע ער פארטרעט, אין מאנהעטן און אין ברוקלין, וואו זיין דיסטריקט שליסט איין טייל פון בארא פארק און נאך. ר' אהרן נאה האט געדינט אלס קא-טשעיר פון די צוזאמענקונפט, אינאיינעם מיט הרב מנחם גענאק, פירער פון די א.יו.

כשרות דיוויזיע, און הרב מייקעל לאנדא, טשערמאן פון די וועס-סייד קאדזשא.

ביים איבערגעבן די אויסצייכענונג פאר'ן קאנגרעסמאן נאדלער, האט ר' אהרן גערופן דעם קאנגרעסמאן צו ארבעטן אז די מוסדות התורה און אידישע קהלות און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס זאלן געניסן פון טייל פון די סטימילוס פאנדס, וויבאלד זיי מוטשען זיך גאר שטארק צוליב די שווערע עקאנאמיע. ס'איז אויך שטארק ארויסגעברענגט געווארן די הכרת הטוב פונעם חרדי'שן ציבור פארן קאנגרעסמאן'ס שטענדיגע הילף.






מכון לתורה ולהוראה

"שני ספרים נפתחים"

שמחים אנו להודיע לציבור התורה שזכינו לסדר שיעורי-עיון להלכה, ולהוראה למעשה.
שיתחילו בעזהשי"ת בברוקלין ובמאנסי, בחודש אייר הבעל"ט

התחלה חדשה!

הלכות יורה דעה ח"ב

מחזור חדש המתחיל מסימן קפ"ג

התחלה חדשה!

הגהת סת"ם

המכוון להדרכת סופרים בהלכות סת"ם בין בלימוד ובין למעשה - ולקבלת כתב קבלה במקצוע קודש זה

שני השיעורים ימסרו ע"י הרב הגאון המפורסם
מאת הרה"ג ר' אברהם צבי וואזנער שליט"א
רב דקהל יטב לב סאטמאר מאנסי - נכד להגאון הרב שמואל וואזנער שליט"א בעל שבט הלוי-ב"ב

גם אפשר להצטרף לשיעור מיוחד להוראה לרבנים, לאלו שכבר לומדו ונבחנו בהלכות אלו

המעונינים יפנו אל מכון לתורה ולהוראה 718-853-0065 בשעות הערב


## קורצע נייעס

דער ערוואַרטער 40'סטער יארטאג פון די לעגענדארע "וואודסטאק" פאר-ווייילונגען וועט מעגליך קומען קיין פראספעקט פארק.

מייקל לאנג, וועלכער האט געהאלפן ארגאניזירן דעם אריגינעלן פעסטיוואל אין 69', זאגט אז ברוקלין וואלט געווען א פאסיג ארט, ווייל איר פארק איז גרויס, באקוועם, און האט לייכטע מאסן-טראנזיט פארבינדונגען.

פארקס קאמישאנער אדריען בענעפי האט באשטעטיגט אז די שטאט איז אין געשפרעכן מיט לאנג איבער די מעגליכקייט. זי האט געזאגט אז פראספעקט פארק וואלט געווען א פאסיג ארט ווייל ס'איז פיל גרעסער ווי מאנהעטען'ס סענטראל פארק.

לאנג, וועלכער איז אויפגעוואקסן אין בענסאנהורסט, ברוקלין, זאגט אז מען דארף נאך איינשליסן גענוג ספאנסארס צו קענען צושטעלן אזא פייערונג, וואס וועט אריינברענגען ביז 150,000 מענטשן.

ער זאגט אז מען האט באטראכט קאני איילאנד, אבער מען האט באשלאסן אז ס'איז צו א שמאל ארט פאר אזא גרויסע פארזאמלונג. מען באטראכט אויך פלאשינג מעדאוס אין קווינס, אלס אלטערנאטיוו אויב פראספעקט פארק וועט זיך נישט אויסארבייטן.

* * * * *